# איציק מאַנגער

# יעקב מאָרגנשטערן

– רב שיעלע קאָלושקער, דער זאָקן-פֿאַבריקאַנט, אַ הויכער ברייט-פּלייציקער ייִד מיט אַ רויטלעך געקרויזטער באָרד און בלאָע וואַסערדיקע אויגן גייט אַרום איבערן צימער אַהין און צוריק. ער פּיפּקעט די ליולקע, שפּײַט אַלע מאָל אויס אין אַ זײַט און רעדט ווי צו זיך אַליין:

„נישט איז נישט, מי לנו גדול. אַ קלייניקייט, אַ קלייניקייט, ר׳ יאָסעלע בזשעזאָווסקי... איר הערט. ר׳ יאַנקל – ס׳איז נישט געפֿידלט און נישט געפּאָרן".

– יעקב מאָרגנשטערן, אַ מיטל-וווקסיק מאָגער ייִדל, סאַמע הויט און ביינער, זיצט בײַם טיש. די גאַנצע צײַט האָט ער געוואַרט, אַז ר׳ שיעלע זאָל אים געבן אַ תּשובה.

– איר האָט עפּעס געזאָגט ר׳ שיע?

דער זאָקן-פֿאַבריקאַנט גייט צו צום טיש. זעצט זיך אַוועק אַנטקעגן איבער דעם שדכן, באַטראַכט אים מיט זײַנע וואַסערדיקע אויגן און זאָגט נאָך אַ מאָל הויך אויף אַ קול, ציילנדיק די ווערטער:

– כ׳האָב פֿײַנט יחסנים, ר׳ יאַנקל. מײַן בת–יחידה איז בײַ מיר דאָס אויג אין קאָפּ. כ׳האָב געזאָגט, אַז איך גיב כּך וכּך נדן. כ׳נעם דעם יונגעמאַן צו זיך אין פֿאַבריק, כ׳וויל אים מאַכן פֿאַר אַ מענטש. איז וואָס בלאָזן זיי זיך אַזוי, די בזשעוואָזאָווסקיס? שטעקן זיך פֿעדערן אין ... איך בעט איבער אײַער כּבוד.

יעקב מאָרגנשטערן פֿאַרשטייט דעם כּעס פֿון ר׳ שיעלע קאָלושקער. אַז מען וויל, איז ער אַפֿילו גערעכט. קיין שום שידוך איז אים נישט אָנגעקומען אַזוי שווער, ווי דער איציקער.

אייגנטלעך וואָלט ער געדאַרפֿט שפּײַען קלעק אויף דער גאַנצער מעשׂה. נאָר ער קאָן נישט, ער טאָר נישט, זײַן פּלוניתטע איז לעצטנס שטאַרק נישט מיט אַלעמען, מען דאַרף זי קורירן. דער ווינטער איז צוגעפֿאַלן מיט שנייען און פֿרעסט און די קינדער זײַנע גייען אַרום נאַקעט און באָרוועס. דער באַלעבאָס פֿון דער דירה, ווי ער ווינט, האָט אים געגעבן אָנצוהערענישן, אַז מער איז ער נישט מחויב צו וואַרטן. דער דאָזיקער שידוך צווישן יאָסעלע בזשעזאָווסקיס זון און שיעלע קאָלושקערס בת-יחידה קאָן אים ראַטעווען. ער האָט שוין אַ סך אַרײַנגעאַרבעט, געפֿלויגן אַהין און אַהער, געפּרוּווט אויסגלײַכן, אויסגלעטן, כּדי ס'זאָל צושטאַנדקומען. נאָר תּמיד, ווען ס'האַלט שוין אויף אַ דרך, טוט אָפּ דער שׂטן, ימח שמו, אַ שפּיצל און ס'ווערט קאַליע, האַלט אין גאַנצן בײַם פֿאַנאַנדערפֿאַלן.

איר זענט אַוודאי גערעכט, ר' שיע, – זאָגט ער צום פֿאַבריקאַנט, – ר' יאָסעלע בזשעזאָווסקי בלאָזט זיך טאַקע, אָבער ס'איז פֿאָרט אַ גלײַכער שידוך – אַ זיווג מן השמים. פֿאָלגט מיך, ר' שיע, און לאָזט אײַערס איבערגיין. איר וועט זען, ס'וועט זײַן גוט, גאָט און לײַט וועלן אײַך מקנא זײַן.

ר' שיעלע קאַלושקער שווײַגט, פּיפּקעט די פּיפּקע און קוקט אויף די וואָלקנס רויך, וואָס קרײַזלען זיך איבערן צימער און ווערן צערונען.

הייסט עס, – זאָגט יעקב מאָרגנשטערן, אַז מאָרגן מערצעשעם כאַפּ איך זיך אַריבער צו יאָסעלע בזשעזאָווסקי און וועל אים זאָגן, אַז איר זענט מסכּים און מען קאָן שוין ברעכן טעלער אין אַ גוטער און מזלדיקער שעה?

דער מאָגערער שדכן מיטן רונד געשוירענעם בערדל הויבט זיך אויף פֿון זײַן אָרט, פֿאַרקנעפּלט דעם אָפּגעריבענעם פּאַלטן און לאָזט זיך גיין צו דער טיר.

ר' שיעלע קאָלושקער הויבט זיך אויף פֿון זײַן אָרט, גייט צו פֿאַמעלעך נישט געײַלט זיך, צו יעקב מאָרגנשטערן, וואָס האַלט שוין די האַנט אויף דער קליאַמקע פֿון דער טיר:

פֿון מײַנעט װעגן קאָנט איר נאָך אַ מאָל אַרױפֿגײן צו די בזשעזאָװסקיס. נאָר זאָגן זאָלט איר צום סאַמע לעצטן מאָל, אַז איך בין גרײט צו סילוקן דעם נדן פֿאַר דער חופּה, נאָר אַזױ פֿיל, װיפֿל איך האָב געזאָגט און נישט װיפֿל זײ הײסן זיך אָנמעסטן. װעלן זײ מסכּים זײַן איז גוט, אַז נישט, – ר׳ שיעלע ציט זיך אױס אין זײַן גאַנצער לענג, – אַ נישט, איז נישט.

ס׳װעט שױן זײַן רעכט, ר׳ שיע. ס׳איז בפֿירוש אַ זיװוג מן השמים און דאָרט װי ס׳איז אַ זיװוג מן השמים, מעגן זיך די מחותּנים שטעלן אױפֿן קאָפּ, װעט זײַן אַ מזל-טוב . אַ גוטן תּמיד, ר׳ שיע.

יעקב מאָרגנשטערן גײט אַװעק. פֿאָרזיכטיק שאַרט ער זיך אַראָפּ פֿון די טרעפּ. דאָס נאַפּטעלעמפּל, װאָס הענגט אין דרױסן, צאַנקט געל און טרױעריק און איז נישט בכּוח צו באַלױכטן די טונקעלע, גליטשיקע טרעפּ.

אין דרױסן שנײט. אַ פֿײַכטע, נודנע קעלט, װאָס עסט זיך אײַן אין די בײנער, נעמט אים אַרום. ס׳איז שױן שפּעט אין אָװנט, ער לאָזט זיך גײן מיט אײַלנדיקע טריט.

פֿון דעם שידוך װעט שױן, װײַזט אױס, גאָרנישט װערן. ער זעט עס בחוש. אַזױ פֿיל מי אַרײַנגעלײגט אומזיסט. דאָס שדכנות-געלט װאָלט אים איצט שטאַרק צונוץ געקומען. נאָר גײ פּועל בײַ גבירים, װאָס אַז זײ עקשנען זיך אײַן, װעסטו שױן גיכער רירן אַ מױער פֿונעם אָרט.

און אפֿשר איז גאָר ער שולדיק. אַ געניטער שדכן װאָלט שױן געפֿונען אַ װעג, װי אַזױ אױסצופֿירן זײַנס. און סך-הכּל איז ער גאָר אַ לערער. אַ מענטש, װאָס לערנט קעכינס און דינסטן לײענען און שרײַבן און פֿון דעם ציט ער זײַן חיונה, מישטײנס געזאָגט. אַז מען טרינקט זיך, כאַפּט מען זיך אָן אין אַ שטרױ. עטלעכע מאָל איז אים געלונגען דורכצופֿירן שידוכים, איז פּרוּװט ער, אפֿשר װעט עס גײן אױך װײַטער. די איצטיקע קאָרט איז אים נישט געראָטן. אײַ, װען ס׳געלינגט אים, װאָלט ער כאָטש אַ ביסל געקאָנט אָפּאָטעמען! אַ גביר איז טאַקע בטבע אַ חזיר. נאָר, אַז מען האָט צו טאָן מיט צװײ, װעט שױן אײנער דערלײגן, װאָס דער צװײטער האָט נישט דערגעבן.

ער שטעלט זיך אַ ווײַלע אָפּ, כאַפּט אָפּ דעם אָטעם. וואָס האָט ער זיך אַזוי צו אײַלן, וואָס? אַלע „לעקציעס" האָט ער שוין הײַנט געגעבן. אויסגעוועון אין אַ צענדליק קיכן, געוויזן פֿאַרהאָרעוועטע דינסטן, ווי אַזוי מען האַלט אַ פּענע אין דער האַנט. מיט וואַסער אויף קאַשע איז ער שוין פֿאַרזאָרגט. איצט ווּ נעמט מען אויף קאַשע?

דער שניי שיט און ווערט תּיכּף צערונען. די גאַס-לאַמטערנס ברענען טריב און אָרעם. ווען מען וואָלט זיי אַרײַנגענומען אין אַ וואַרעמער שטוב אַרײַן, וואָלטן זיי זיך פּשוט מחיה געווען.

אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, לאָזט ער זיך גיין ווײַטער. סימע די קעכין פֿון דעם מאַנופֿאַקטור-סוחר זעליג גאָלדמאַן, האָט אים געשיקט זאָגן, אַז ער זאָל אַרויפֿקומען צו איר. זי דאַרף, ער זאָל איר אָנשרײַבן אַ בריוו. די צען קאָפּיקעס וועלן זײַן אַזוי ווי געפֿונען.

„אַ סך מלאכות, איז ווייניק ברכות" – מורמלט ער. סײַ דער שדכן, סײַ דער לערער, סײַ דער מעשׂה-שרײַבער, פֿאַרדינען אַזוי פֿיל, אַז ס'קלעמט קוים, קוים אויף איבערצוקומען די וואָך.

און ער ווייסט, אָט דער יאַנקל לערער, ער ווייסט עס אויף זיכער, אַז ער איז אַ גוטער מעשׂה-שרײַבער. זײַנע מעשׂיות ווערן צעכאַפּט, ווי מצה-וואַסער, און מען לייענט זיי מיט גרויס הנאה. זײַנע מעשׂיות „שבת קודש אין גן-עדן" און די „מעשׂה משני שותּפֿים און שני קצבים" געפֿינט מען כּמעט אין יעדער ייִדישער שטוב, סײַ דאָ אין לאָדזש, ווּ ער וווינט און מוטשעט זיך, סײַ אין דער גאָרער וועלט.

– ווער שמועסט נאָך זײַן „מעשׂה פּליאות מג' אחים, איין זעהר שיינע, וויכטיקע, ווּנדערלעכע געשיכטע פֿון דרײַ ברידער גרויסע לײַט" – האָט גאָר אַ גרויסן שם איבער דער וועלט. די דאָזיקע מעשׂה האָט מען שוין עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט. און אַלע מאָל האָט מען די ביכעלעך פֿאַרצוקערט. נאָר אין אים, דעם מחבר, האָט מען, ווײַזט אויס, פֿאַרגעסן. פֿון זינט ער האָט באַקומען די פּאָר רובל פֿאַר דעם דרוק, האָט ער שוין מער נישט געזען קיין פּרוטה. און פֿאַר וועמען זיך צו קלאָגן איז נישטאָ. און יושר – עט.

ער דערמאָנט זיך יענעם ווינטער, ווען ער האָט געשריבן די „מעשׂה מג׳ אחים”. אַ שווערער ווינטער געווען. אין זײַן אָרעמער שטוב אויף באַלוט האָט זיך צעלייגט דער דלות, ווי בײַ זײַן טאַטן אין ווײַנגאָרטן, דאָס ווײַב איז נאָך נישט געקומען צו זיך פֿון דער לעצטער קימפּעט. אויפֿן האַרצן איז אים געווען אָנגעזאָלעט ביז גאָר. און אין אָט יענע לאַנגע, אומעטיקע ווינטערנעכט איז אים אײַנגעפֿאַלן די מעשׂה מיט די דרײַ ברידער, וואָס יעדער פֿון זיי האָט זיך גענומען אַ מצווה מקיים צו זײַן. מיט זיי צוזאַמען האָט ער זיך געלאָזט אין דער וועלט אַרײַן, איבערגעלעבט צוזאַמען מיט זייערע וואַנדערונגען, די מניעות, וואָס האָבן זיך זיי אַנטקעגנגעשטעלט. און אַז גאָט האָט זיי געהאָלפֿן, זיי זענען עולה לגדולה געוואָרן – יעדער פֿון זיי האָט חתונה געהאַט מיט אַ בת-מלכּה און געירשנט אַ קעניגרײַך – האָט ער, דער אָרעמער יאַנקל לערער, פֿאַרגעסן אין זײַן אייגענער אָרעמקייט. ער האָט זיך געפֿרייט מיט דער גליק פֿון די ג׳ אחים.

די דאָזיקע ווונדערלעכע מעשׂה האָט אים דעמאָלט באַפֿרײַט פֿון זײַן אומעטיקייט, געמאַכט אים פֿאַרגעסן זײַן אָרעמקייט, און נישט אומזיסט קוויקן זיך מיט דער דאָזיקער מעשׂה די אָרעמע ייִדן און ייִדענעס, די קעכינס און די דינסטן, די באַלמעלאָכעס פֿון גאָר דער ייִדישער וועלט.

„אפֿשר – טראַכט יאַנקל לערער – אפֿשר זענען אַלע ווונדערלעכע און פֿאַנטאַסטישע מעשׂיות געבוירן געוואָרן אין אָרעמע שטיבער? די אָרעמקייט פֿון אַלע צײַטן און בײַ אַלע פֿעלקער האָט אין שײַן פֿון די פֿאַרביקע און ווונדערלעכע פֿאַסירונגען אָפּגעאָטעמט אויף אַ ווײַל, פֿאַרגעסן וועגן איר אייגענער נויט”.

ער אַליין האָט אַ סך ווונדערלעכע מעשׂיות איבערגעזעצט אויף ייִדיש: „מאַגעלאָנאַ די קרוינפּרינצעסין פֿאָן נעאַפּאָל”, „די שיינע העלענאַ” און „די שיינע בלומכע גענאָוועפֿאַ”.

טראַכטנדיק די דאָזיקע מחשבות, פֿילט יאַנקל לערער נישט די קעלט, וואָס עסט זיך אים אײַן אין די ביינער. ער פֿילט נישט די נעץ, וואָס קריכט אַדורך די אָפּגעריבענע זוילן פֿון זײַנע שיך. ער

באַמערקט אַפֿילו נישט, אַז ער איז שוין פֿאַרבײַגעגאַנגען דאָס הויז ווי די קעכין וואַרט אויף אים, כּדי ער זאָל איר אָנשרײַבן אַ בריוו.

ערשט ווען ער כאַפּט זיך אויף פֿון זײַן טראַכטן, באַמערקט ער, אַז ער איז פֿאַרקראָכן. ער בטלט אויס אַלע חלומות צו זײַן אייגענעם קאָפּ און קערט זיך אום צוריק.

אָט איז דאָס הויז, ווו ס'וווינט דער מאַנופֿאַקטור-סוחר זעליג גאָלדמאַן. יאַנקל לערער גייט אַרײַן אין הויף, מײַדט אויס דעם פּאַראַדנעם אײַנגאַנג און מיט די אונטערשטע טרעפּ, וואָס פֿירן צו דער קיך, לאָזט ער זיך אַרויפֿגיין.

סימע די קעכנע, אַ יונג שוואַרץ-חנעוודיק ווײַבל מיט קלוגע, לעבעדיקע אויגן, דערפֿרייט זיך מיט אים, ווי מיט אַן אבן טוב.

– „איך האָב געמיינט, אַז זי וועלן שוין הײַנט נישט קומען, ר' יאַנקל. איך דאַרף אויף גענייטיק זי זאָלן מיר אָנשרײַבן אַ בריוו צו מײַן מאַן, וואָס דינט בײַ פֿאָניען, אַ מיתה משונה זאָל ער אײַננעמען. מאַנעוורעס גלוסט זיך אים, זי הערן, ר' יאַנקל, מאַנעוורעס. אָן מאַנעוורעס דוכט זיך אים, פֿאָנקעלע גנב, וועט ער ווערן בדיל הדל. מײַן מענדל שרײַבט מיר, אַז איך זאָל אים למען השם זען צושיקן אַ פּאָר קערבלעך. מען שיקט זײַן ראָטע אַוועק אַזש קיין סימביר, אַז שיקן זאָל מען פֿאָניען אַכצן טעפּלעך קדחת אויף שלח-מנות...”

אין דער וואַרעמער קיך פֿילט יעקב מאָרגנשטערן, ווי די קעלט, וואָס האָט זיך אײַנגעגעסן אין זײַנע ביינער, טרעט פֿון אים אָפּ. ער רײַבט זיך די פֿאַרפֿרוירענע הענט און זאָגט צו דער באַרעדעוודיקער קעכין:

– זײַען זי אַזוי גוט, סימע, און דערלאַנגען זי מיר טינט און פֿעדער מיט אַ בויגעלע פּאַפּיר, וועל איך אין אָנשרײַבן אַ בריוול צו אינס מאַן.

סימע נעמט אַפֿער אַ בויגעלע פּאַפּיר פֿון אונטער דער צעראַטע, וואָס דעקט צו דעם קיכטיש. זי שטעלט אַוועק טינט און פֿעדער אויפֿן טיש.

– ווי אַזוי ווילן זי זאָל איך שרײַבן דעם בריוו, אויף פּראָסט ייִדיש, צי אויף מאַסקוויטעריש? – פֿרעגט יאַנקל לערער.

– אויף מאַסקוויטעריש, ר' יאַנקל. מען זאָגט, אַז מען שרײַבט אויף מאַסקוויטעריש, גיט מען גיכער אָפּ דעם בריוו. אויף ייִדיש קאָן נאָך פֿאַרפֿאַלן ווערן.

יאַנקל לערער זעצט זיך אַוועק, טונקט אײַן די פּענע אין טינטער און וואַרט סימע די קעכין זאָל אים זאָגן, וואָס ער זאָל שרײַבן.

סימע זעצט זיך אַקעגניבער אים, שפּאַרט אָן די עלנבויגנס אויפֿן טיש און טראַכט פֿון וואָס אָנצוהויבן.

– שרײַבן זי אים, ר' יאַנקל, אַז זײַן בריוו האָב איך באַקומען, אַז קיין נחת פֿון זײַנע בריוו האָב איך נישט, אַז איך וואָלט שוין געוואָלט דערלעבן די מינוט, ווען ער וועט זײַן פֿרײַ. שרײַבן זי, אַז איך פֿאַרשטיי, אַז ס'איז אים גענוג ביטער צו דינען פּאָניען. זאָל ער פֿאַרשטיין, אַז דינען בײַ אַ חזיר, ווי זעליגל גאָלדמאַן, איז אויך נישט קיין קלייניקייט. איידער מען דערזעט בײַ אים די פּאָר גילדן, קריכן גוט אַרויס די אויגן פֿונעם קאָפּ.

סימע זיפֿצט אָפּ. יעקב מאָרגנשטערן ציקלט די אותיות פּאַמעלעך, פּאַמעלעך. סימע רעדט אויף ייִדיש. ער אָבער שרײַבט אויף רוסיש. און רוסיש איז דיר נישט קיין קלייניקייט.

– און דאָס, וואָס ער הייסט זיך שיקן אַ פּאָר רובל, – דיקטירט ווײַטער סימע,– וואָלט איך אים גערן געשיקט, האָב איך אָבער נישט, און געבן אויף פּאָרויס, איז מײַן באַלעבאָס, אַ מיתה משונה זאָל ער אײַננעמען, נישט קיין בעלן. סײַדן גיין צו אַ פּראָצענטניק, וואָס רײַסט דערנאָך שטיקער. האָב איך אים שוין געשריבן אין פֿריערדיקן בריוו, אַז דאָס לעצטע געלט, וואָס איך האָב אים געשיקט, האָב איך טאַקע גענומען אויף פּראָצענט, און איך קאָן זיך נישט אויסצאָלן ביז צום הײַנטיקן טאָג.

סימע פֿאַרטראַכט זיך. אין דרויסן הערט מען שווערע טריט. די טרעפּ קרעכצן. די טיר עפֿנט זיך און עס קומט אַרײַן אַ הויכער, משונהדיקער מענטש מיט אַ קאַלטונעוואַטער באָרד און גרויסע קעלבערנע אויגן. ער איז אָנגעטאָן אין ברודיקע שמאַטעס.

סימע די קעכין גיט אַ פּאַטש מיט די הענט:

– ט׳אָסטו דיר אַ גאַסט. אין מיצקע דרינען, שׂמחה פּלאַכטע. ס׳קאָצל קומט! וואָס פֿאַר אַ רוח האָט דיך אָנגעטראָגן?

– הײַנט איז דאָנערשטאָג, סימע. איך בין געקומען, ר׳ זעליג זאָל באַצאָלן פֿאַר דער וואָך, וואָס איך האָב געטראָגן וואַסער. אויב ר׳ זעליג מיר נישט באַצאָלן, מײַן ווײַב וועט שרײַען, שעלטן, שלאָגן, און שׂמחה פלאַכטע וועט נישט האָבן אויף שבת.

– ווען קומען מאָרגן אין דער פֿרי, שׂמחה, איצט איז דער באַלעבאָס נישטאָ אין דער היים. קום מאָרגן אין דער פֿרי פֿאַר זיבענע, הערסט, וואָס מען זאָגט דיר, שׂמחה?

שׂמחה קראַצט זיך מיט בײדע הענט דעם געדיכט באַוואַקסענע קאָפּ.

– מאָרגן, מאָרגן. תּמיד דו מיר זאָגסט מאָרגן. איך מאָרגן קומען. מיר נישט געבן געלט, זײַן שלעכט, זייער שלעכט.

– איך זאָג מאָרגן, בהמה. דער באַלעבאָס זאָגט מאָרגן, זאָג איך מאָרגן. גיי שוין גיי, שׂמחה. זעסט דאָך, אַז מען שרײַבט אַ בריוו.

יעקב מאָרגנשטערן באַטראַכט דעם מאָדנעם פּאַרשוין. ווּ האָט ער אים געזען אַ מאָל? די געשטאַלט, דאָס פּנים? אַהאַ! ניין, ס׳איז נישט געווען ער, נאָר אַן ענלעכער צו אים. דענצמאָל נאָך, ווען ער, יאַנקל, איז געווען אַן אַלעקסאַנדער חסיד. איצט ווייסט ער שוין אויף זיכער, דעם רבינס גבאי. שׂמחה פּלאַכטע האָט אים דערמאָנט דעם אַלעקסאַנדער גבאי, ר׳ בערעלע גאָראָדאָוואַי.

און יעקב מאָרגנשטערן, דער לערער, דער בריוושרײַבער, דער שדכן, דער בדחן און דער מעשׂה-שרײַבער, מאַכט צו די אויגן אויף אַ ווײַל און דערזעט אַ מאָדנע זעונג. דער גולם שׂמחה פּלאַכטע, דער וואַסער-טרעגער, זיצט אין אַ שטרײַמל, פּראַוועט טיש. חסידים שטופּען זיך צום אויבן-אָן, ווי ער זיצט, און זיי רופֿן אים „רבי״.

– נו, ר׳ יאַנקל, שרײַבן זי װײַטער. דער גולם איז שױן אַװעקגעגאַנגען – זאָגט סימע די קעכין.

יעקב מאָרגנשטערן האָט אַפֿילו נישט געהערט, װען שׂמחה איז אַװעקגעגאַנגען. סימעס קול װעקט אים אױף, װי פֿון אַ חלום.

– װער? דער רבי איז אַװעקגעגאַנגען?

– װאָס פֿאַראַ רבי, ר׳ יאַנקל? שׂמחה פּלאַכטע איז אַװעקגעגאַנגען.

– איך מײן טאַקע שׂמחה פּלאַכטע, סימע – זאָגט יעקב מאָרגנשטערן און צעלאַכט זיך אױפֿן קול.

סימע דיקטירט װײַטער דעם בריװ און יאַנקל לערער שרײַבט. װער װײסט, אפֿשר װאָלט זיך דער בריװ קײן מאָל נישט געענדיקט. אַ גליק, װאָס דאָס פּאַפּיר האָט זיך געענדיקט.

סימע די קעכין באַצאָלט אים פֿאַר דער טרחה צען קאָפּיקעס און יעקב מאָרגנשטערן לאָזט זיך אַהײמגײן.

ער איז פֿרײלעך ביז גאָר. פֿילט נישט די קעלט. ער האָט איצט אַ נײַע מעשׂה. אַ פֿרײלעכע ביז גאָר. װי שׂמחה װערט אַ רבי. דער עולם װעט לאַכן און די חסידים װעלן קריצן מיט די צײן.

Copyright © 2007 Leonard Prager
All Rights Reserved